Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

ול.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## לו.

אַ הערבסט־נאַכט איז עס געווען.

אויף איינער פון די קליינע סטאַנציעס אויפן וועג פון N. קיין א. האָט מען מיך אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער באַנק אין באַן־וואַגאָן און מ׳האָט מיך צוגעשטעלט צום וואָקזאַל־באַאַמטן.

אָן געלט, אפילו קיין רענדל האָב איך נישט געהאַט — אין איך בין פאַרלאָזן, איינער אליין.

איך האב מיך אַוועקגעזעצט אויף א באנק, אָבער די וועכטערס האָבן מיך געשיקט אַהין, פונוואַנען איך בין געקומען.

— ס׳איז דאָך נאכט...

— דאָ איז פאַראַן א דאָרף...

— ווייט פונדאנען ?

— נישט מער, ווי דריי וויאָרסט...

— און יידן זענען דאָרט פאַראַן ?

— נישטאָ דאָרט קיין מאָשקע.

— בכן... ווי־זשע...

— „גיי“ — זאָגט מען דאָך דיר !..

— יידישע געשעפטמאכער, איך קען אייך ! — האט מיט אַן איינגעהאלטענעם כעס געברומט דער מיטן רויטן היטל, ווען ער איז דורכגעגאַנגען פארביי מיר.

איך בין אויפגעשטאנען און אַרויסגעגאַנגען.

א הויכגעוויקסיקער זשאנדארם האט, פון נישט-האבן וואס צו טאָן, געהיט מיינע טריט.

איך בין אדורך דעם פעראָן, די ליידיקע וואַרטע-זאלן. פאַרביי דעם לייכטנדן לאַמטערן... דאָרטן ווייטער זענען געלעגן קלעצער האָלץ — האָב איך זיך אוועק געלייגט.

טראָפּנס רעגן און שניי זענען געפאלן אויף דר׳ערד.

---